בס"ד

# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר שמות

נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל

וזג' הינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם

### פרשת וארא

# א שטענדיגע התלהבות

פרנס השבוע

נתנדב ע"י

מו"ה **חיים זאב שטערנליכט** הי"ו

**לרגל הולדות בתו למז"ט**

לרפואת שלימה

**יהודא בן רחל** בתושח"י

לזכות ולרפואת

**רעכיל לאה בת רבקה**

צו מנדב זיין רופט:

**347.451.0332**

אימעילט: Director@torasavigdor.org



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.222.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-0332**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*
**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת וארא

שנה ד׳

# א שטענדיגע התלהבות

תוכן:

חלק א. אנצינדן דעם פייער - חלק ב. דער פייער צאנקט - חלק ג. צוריק אנצינדן דעם פייער

## חלק א. אנצינדן דעם פייער

### באלעבן די פסוקים אין חומש

עס איז אמאל געווען איינער אין ראדין וואס האט אריינגעקוקט דורכ׳ן שליסל לאך פונעם צימער פון דעם חפץ חיים. איך ווייס נישט אויב עס איז געווען ריכטיג צו טון אבער דאס איז די מעשה - ער האט געוואלט זען וואס אן איש קדוש טוט אין פריוואטקייט האט ער אריינגעקוקט דורכ׳ן שליסל לאך אינעם בוידעם שטיבל וואו דער חפץ חיים האט זיך געפונען.

וואס האט ער געזען? דער חפץ חיים זצ״ל איז געזעסן ביים עק פון א בעט און ער האט געלערנט די מכות וואס דער באשעפער האט געברענגט אויף די מצריים. למעשה, דער באריכט וואס מיר האבן פון דעם ישיבה מאן אין ראדין איז, אז דער חפץ חיים האט נישט געלערנט די מכות מיט׳ן פירוש פון זוהר הק׳. און ער האט אויך נישט געלערנט ספרא דצניעותא אין דעם פארשפארטן צימער. ניין, ער האט געהאלטן א פשוט׳ן חומש, ליינענדיג די פסוקים פון די וואכעדיגע סדרה. ער האט געזאגט פשוט חומש - און ער איז געזעסן און געלאכט!

״וְהַדָּגָה אֲשֶׁר בַּיְאֹר מֵתָה וַיִּבְאַשׁ הַיְאֹר - די פיש וואס זענען געווען אין טייך זענען געשטארבן און די טייך האט געשטונקען צוליב די אלע פארפוילטע זאכן״ (וארא ז:כא). דער חפץ חיים האט געליינט די ווערטער ווי א קליין אינגל אין חדר לערנט חומש צום ערשטן מאל. ער האט געלערנט חומש ממש ווי א קינדערגארטן אינגל, וואס הערט צום ערשטן מאל איבער די מכות. ער איז גאר פרייליך. ער שטעלט זיך פאר ווי אזוי די מצריים בייגן זיך איבער זייערע ברונעמס פראבירנדיג צו אנפילן א מויל מיט וואסער און זיי שפייען עס אויס און ברעכן. ״פעך! עך! דאס איז עקלדיג!״ און די בני ישראל באטראכטן זייערע אונטערדריקערס און לאכן; זיי האלטן זיך ביי די זייטן פאר געלעכטער.

### א צדיק׳ס הנאה

און דער וואס האט אריינגעקוקט דורכ׳ן שליסל לאך האט דערציילט אז דער חפץ חיים האט

אויך הנאה געהאט דערפון; ער איז געזעסן אויף זיין בעט און געזאגט: "אה! גוט אויף זיי! זיי באקומען פונקט וואס עס קומט זיך זיי!" ער האט געטופעט מיט זיין פוס אויפ'ן ערד ווי א אינגל, ווי א קליינער אינגל אין מצרים וואס באטראכט וואס די מצריים באקומען אין גענאק.

אלזא, דאס איז דער קורצסטער סארט באריכט ווייל יענער בחור האט נישט געהאט קיין געדולד צו קוקן פאר צו לאנג. ער האט געפילט ווי ער הערט זיך אונטער די שכינה ווען ער האט געקוקט אויפ'ן חפץ חיים דורכ'ן שליסל לאך און ער האט זיך אוועקגעדרייט; ער האט זיך אוועקגעשלייכט אראפ די טרעפ.

אלזא, מיר דארפן פארשטיין אז דער חפץ חיים איז שוין געווען אן אלטער מאן. ער איז געווען אין זיינע אכציגערס, נאנט צו די ניינציג. טראכטן מיר: ער האט געלערנט חומש שנים מקרא ואחד תרגום; אבער אזא זקן, אזא חכם, וואלט זיך נישט סתם געזעצט לערנען פשוטו של מקרא.

אה ניין! ער האט זיך אפגעגעבן דערמיט! זיכער! און ער האט עס געטון א גאנצע צייט! ווייל דער חפץ חיים האט פארשטאנען דעם צוועק פון די מכות; ער האט פארשטאנען אז דער באשעפער האט געברענגט די מכות פאר אים. איך וועל דאס ערקלערן.

## מכות פון וויסנשאפט

מיר וואלטן געזאגט אז די סיבה פארוואס דער באשעפער האט געברענגט די מכות איז כדי דאס אידישע פאלק זאל געראטעוועט ווערן, אבער דער אמת איז אז די מכות האבן נישט אויסגעפעלט צו דעם. זיי וואלטן געקענט געראטעוועט ווערן פון קנעכטשאפט אין אופנים וואס זענען אינגאנצן נישט אויסטערליש. עס האט נישט אויסגעפעלט צו ברענגען מכות אין מצרים. עס איז נישט געווען וויכטיג צו שפאלטן דעם ים סוף אז די מצריים זאלן דערטראנקען ווערן. זיי וואלטן געקענט ארויסגיין; פרעה וואלט געקענט צוזאמרופן זיין פאלק און זאגן, "זעט, די מענטשן זענען אמאל געווען אונזערע גוטע פריינט, זיי האבן געבעטן וואוינונגס רעכטן יארן צוריק און יוסף איז געווען א וואוילטוער פאר מצרים. לאמיר זיי ארויסלאזן."

כאטש פרעה פון זיך אליין וואלט עס נישט געטון, אבער דער באשעפער האט געקענט רירן זיין הארץ. **לֵב מְלָכִים בְּיַד ה'**. ער האט געקענט צוברענגען פרעה זאל טוישן זיין מיינונג און ער וואלט זיי ארויסגעשיקט.

איז פארוואס האט דער באשעפער געמאכט אזא באוויז אויף זיין מאכט? צען מכות, אויסגעשפרייט לענגאויס א גאנצע יאר. פארוואס האט עס אויסגעפעלט?

איז לאמיר צוהערן צו וואס דער באשעפער זאגט. נאך אלעם, ער ווייסט די בעסטע פארוואס ער האט געטון וואס ער האט געטון. "פארוואס ברענג איך די מכות אויף פרעה? נישט נאר צו ראטעווען מיין פאלק. און נישט נאר ווייל עס קומט זיך פאר פרעה א שטראף. ס'איז דא א פיל וויכטיגערער טעם. דער טעם איז **לְמַעַן תֵּדַע כִּי אֲנִי הַשֵּׁם בְּקֶרֶב הָאָרֶץ** - כדי איר זאלט וויסן אז איך בין דער באשעפער אין דעם לאנד (וארא ח:יח). **בַּעֲבוּר תֵּדַע כִּי אֵין כָּמֹנִי בְּכָל הָאָרֶץ** - כדי איר זאלט וויסן אז עס איז נישטא אזוי ווי מיר אין די גאנצע וועלט (שם. ט:יד). אז איר זאלט וויסן; כדי איר זאלט וויסן.

נאכאמאל און נאכאמאל ווערן מיר געזאגט אז דאס איז די סיבה צו די מכות - כדי זיי זאלן

וויסן. נישט נאר די מצריים זאלן געלערנט ווערן; דער באשעפער וועט דאס נישט טון בלויז פאר די מצריים. מיר זענען די וועלכע לערנען נאך די תורה ביז היינט - ס'איז פאר אונז. און דער שורש ווארט פון **תֵּדַע**; איר זאלט קונה זיין דעה, וויסנשאפט.

## צווישן צוויי גרויסע

אלזא, אין מסכת ברכות (לג.), זאגט די גמרא א וויכטיגע נקודה וואס דינט אלס אן אריינפיר צו די נושא פון קונה זיין דעת: **גְּדוֹלָה דֵּעָה** - ווי גרויס איז וויסנשאפט! און די גמרא ברענגט א ביישפיל פון ווי חשוב עס איז. **גְּדוֹלָה דֵּעָה** - ווי גרויס איז דעה? **שֶׁנִּתְּנָה בֵּין שְׁתֵּי אוֹתִיּוֹת** - אז עס שטייט צווישן צוויי נעמען פון באשעפער. ווייל עס שטייט (שמואל א ב:ג), **כִּי קֵל דֵּעוֹת ה'**. איז אויף איין זייט איז דאס ווארט קל, אלף למד, און אויף די צווייטע זייט איז דאס ווארט ה', יוד קא ואו קא. און אינדערמיט, שטייט דאס ווארט דעות.

אזוי ווי מיר האבן שוין אמאל ערקלערט, אויב זעט איר דריי מענטשן שפאנען אראפ אושען פארקוועי; אויף איין זייט איז דער סאטמארער רב און אויף די אנדערע זייט איז, לאמיר זאגן, דער ליובאוויטשער רבי, און אינדערמיט, שפאנענדיג צווישן די צוויי גרויסע לייט, גייט אן אומבאקאנטער מענטש. פארשטייט איר שוין גלייך אז אויב איז ער צווישן די צוויי, איז ער א חשוב'ער פערזענליכקייט. און אויב איר זעט א ווארט וואס שטייט צווישן 'קל' און 'השם', דאן ווייזט דאס ווארט אויף עפעס זייער חשוב! איז אויב עס שטייט **קֵל דֵּעוֹת ה'**, ווייזט עס, זאגט די גמרא, אז דעה איז זייער חשוב.

אלע געוואלדיגע תורה השקפות, אלע מידות און לערעס און מעשיות, זיי שטייען אין חומש אבער נישט אין אונזערע קעפ. און דעת מיינט אז מיר דארפן דאס אריבערפירן פונעם חומש צו אונזער מח. מיר דארפן נעמען די השגות פון אונזערע חומשים און סידורים און אנדערע ספרים - שערי תשובה און חובת הלבבות און מסילת ישרים - און עס אריינלייגן אין אונזערע קעפ.

## עס דארף האבן דעקונג

ווען מיר זאגן 'דעת', מיינט עס נישט בלויז עפעס וואס דו קענסט שנעל איבערזאגן; "אה, איך וויים שוין אלעס איבער דעם." "כולנו חכמים," זאגט דער ישיבה בחור. ס'איז אים שוין לאנגווייליג. "כולנו נבונים" - ער ווייסט! ער האט שוין געלערנט חומש, אפשר האט ער שוין אויך געלערנט רש"י. ער ווייסט שוין די אלע ענינים.

זאגט דער פוילער מענטש, "איך וויים אז דער באשעפער איז גרויס; שטער מיר נישט מער. איך האב דיר שוין געזאגט אז ער איז גרויס, און דאס איז עס." ס'איז ווי א מענטש וואס איז גרייט דיר צו געבן א טשעק אויף סיי וואס דו ווילסט - "וויפיל ווילסטו? א מיליאן דאללער? דא! דא איז א טשעק פון מיליאן דאללער!" אבער ער האט נישט קיין געלט אין באנק און דערפאר איז עס ווערדלאז. ווען מענטשן זאגן, "יא, דער באשעפער איז גרויס! ס'איז נישטא אזוי ווי ער בארץ, איך וויים אלעס דערוועגן," אבער ס'איז גארנישט דא דערצו; אויב דער באנק דארט אויבן איז ליידיג, אויב זיין קאפ איז ליידיג, דאן מיינט עס זייער ווייניג.

איך זאג נישט אז מיר שעצן נישט דעם זאך; כאטש זאגט מען אזוי - ס'איז א גוטער אנהייב,

אבער ס'איז נישט דעת. ס'איז נישט געגוג צו וויסן מיט א קאלטע, לאגישע וויסנשאפט. דעת מיינט אז דו ווייסט מיט א געפילישע וויסנשאפט; דיינע אדערן שפירן עס - עס גייט אריין אין די מארך פון דיינע ביינער. דו טראכסט נאכאנאנד, אנצינדנדיג דעם פייער פון התלהבות א גאנצע צייט.

## דער רוה ארט פאר חכמה

און אזוי קומען מיר צוריק צום חפץ חיים און מיר פארשטייען אז ער האט געלעבט אויף צו קונה זיין דעת - ער האט געוואלט אז אלע געוואלדיגע תורה השגות זאלן ווערן א טייל פון אים, עס זאל אריינגיין אין זיינע ביינער. און ווייל ער האט געארבעט אויף דעם, ווייל ער האט זיך אנגעשטרענגט צו קונה זיין חכמה, דאס איז וואס עס האט פאסירט. ער איז געווארן א פארקערפערונג פון דעם פסוק אין משלי (יד:לג), **בְּלֵב נָבוֹן תָּנוּחַ חָכְמָה** - אין די הארץ פון די פארשטאנדיגע רוהט חכמה.

דער פשוט'ער באדייט איז, אז ווען א מענטש איז א **נָבוֹן** - דאס מיינט אז ער קוקט אריין אין זאכן; ער וויל פארשטיין, ער זוכט צו וויסן - דאן **בְּלֵב נָבוֹן**, אין די הארץ פון אזא מענטש, **תָּנוּחַ חָכְמָה**, קומט די חכמה צו רוען. עס טרעפט זיך א רוה ארט; עס פארבלייבט דארט.

חכמה ווערט קבוע אין זיין מח ווייל ער וויל עס האבן. דאס איז אויף וואס ער לעבט. ער זוכט חכמה ווייל דאס איז די שלימות אויף וואס דער באשעפער האט אים באשאפן. און דאס ווערט דער ציל פון דעם **נָבוֹן** - ער זוכט צו ווערן א שלם; ער וויל ווערן דאס בעסטע וואס ער קען.

אלזא, דאס מיינט נישט אז עס פלאצט ארויס. ער זוכט נישט צו פאבליצירן וואס ער האט קונה געווען. ער איז נישט אינטערעסירט זיך צו באווייזן מיט זיין חכמה. ער באהאלט זיך אין זיין בוידעם ארבעטנדיג אויף זיך, אריינלייגנדיג די געוואלדיגע תורה השגות אין זיין קאפ.

## דער צייכן פון א נאר

דאס איז פארוואס עס שטייט ביים סוף פונעם פסוק, **וּבְקֶרֶב כְּסִילִים תִּוָּדֵעַ** - אז ווען די חכמה קומט צווישן די נאראנים, **תִּוָּדֵעַ**, ווערט עס באוואוסט. דער **כְּסִיל** האלט עס נישט פאר א סוד ווייל זיין ציל איז נישט דעת. ער וויל בלויז לאזן אנדערע וויסן, דאס אלעס. **תִּוָּדֵעַ** - סיי וואס ער ווייסט, פראבירט ער צו זאגן פאר אנדערע מענטשן. אין פאקט, זאגט ער זיי מער פון וואס ער ווייסט.

דאס איז דער צייכן פון א נאר; די אידענטיפיקאציע פון דעם **כְּסִיל** איז אז ער זאגט אלעמאל פאר אנדערע וואס ער ווייסט. נאך אלעם, דאס איז זיין ציל מיט'ן לערנען. ער וויל ווייזן פאר מענטשן וואס ער האט קונה געווען. און דאס איז פארוואס ביי אים וועט עס נישט רוען. אנדערש ווי ביי דעם חכם, וועט דעת נישט האבן קיין מנוחה ביי דעם נאר; ס'וועט אויסוועפן.

## קאמוניסטישע עסן רייעס

אין רוסלאנד, איר ווייסט, זענען זיי זייער פארנומען מיט עקספארטירן - אזוי אז עס פארבלייבט גארנישט איבער פאר די מענטשן דארט. מענטשן האבן גארנישט אין רוסלאנד. זיי שטייען אין די רייע פאר עסן ווייל רוסלאנד איז פארנומען מיט ארויסשיקן אלעס פונעם לאנד.

די זעלבע זאך, ווען א מענטש איז פארנומען מיט עקספארטירן רוחניות א גאנצע צייט,

אלעמאל צו זאגן פאר אנדערע וואס ער ווייסט, אלעמאל עקספארטירן פאר אנדערע מענטשן - אזוי ווי איך טו - דאן איז ער אין א גרויסע סכנה. ער דארף זיך זארגן אז אפשר וועלן זאכן נישט פארבלייבן מיט אים. ער דארף זיך זארגן א גאנצע צייט. אויב ביסטו פארנומען מיט עקספארטירונג ביזנעס, קען זיין אז עס פארבלייבט גארנישט אינדערהיים. אלזא, ווייל דער כסיל איז שטענדיג פארנומען מיט'ן דערציילן פאר אנדערע, דערפאר האט נישט די חכמה קיין מנוחה אין אים. עס רוהט נישט אין אים.

דער **נָבוֹן**, פון צווייטן זייט, איז אינטערעסירט אין האבן חכמה, אין עס האלטן. אודאי, ווען ס'איז וויכטיג, אויב האט ער די געלעגנהייט וועט ער זיין ללמוד וללמד, ער וועט לערנען און אויך אויסלערנען. אבער ווען נישט, איז דאס נישט זיין ציל. זיין ציל איז צו קונה זיין שלימות אין די אויגן פון באשעפער און דאס איז פארוואס **תָּנוּחַ חָכְמָה** - עס רוהט דארט; ס'איז שטיל און מענטשן וועלן קיינמאל נישט וויסן.

און בשעת דער חכם גייט אדורך די גאס, בשעת ער גייט אין שול, אדער אפילו אין ישיבה, וועלן מענטשן נישט אפשאצן ווער ער איז. קיינער ווייסט נישט אז זיין מח ארבעט, אז ער טראכט יעצט פון מכת דם אדער בריאת העולם יש מאין אדער מעמד הר סיני. אבער ער איז גאנץ צופרידן. וואס גייט אים אן?! ער זוכט נישט קיין ליידיגע כבוד פון עולם הזה. ער וויל דערגרייכונגען; און ער ווייסט אז ער האט עס באקומען. זיין ציל איז צו טראנספארמירן זיין מח צו א תורה'דיגער מח. און דאס איז פארוואס ער איז פארנומען אין זיין בוידעם צו לערנען חומש, אריינלייגנדיג די אלע געוואלדיגע השגות אין זיין קאפ, וואו עס געהער.

# חלק ב. דער פייער צאנקט

## דער חכם צווישן נאראנים

אלזא, אט קומען אונזערע חכמים (בבא מציעא פה:) מיט זייערע שארפע אויגן און זיי זעען נאך א באדייט צו דעם פסוק - לייגט צו אויפמערקזאמקייט און איר וועט באלד זען אז עס איז א גענצליך אנדערער דערהער. "**מַאי דִּכְתִיב בְּלֵב נָבוֹן תָּנוּחַ חָכְמָה** - וואס מיינט אז 'אין דער הארץ פונעם נבון, רוהט די חכמה'? **זֶה תַּלְמִיד חָכָם בֶּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים** - דאס איז דער תלמיד חכם וואס קומט פון א פאמיליע פון תלמידי חכמים; דורך אים רוהט שוין די חכמה פאר דורות; ס'איז שוין אריינגעזעצט אין אים."

"**וּבְקֶרֶב כְּסִילִים תִּוָּדֵעַ** - און צווישן די נאראנים ווערט עס באוואוסט. פון א נאר קומט עס ארויספלאצן." אבער אונזערע חכמים זאגן אונז אז ס'איז נישט סתם א נאר: "**זֶה תַּלְמִיד חָכָם** - ער איז אויך א תלמיד חכם! אבער ער איז א **תַּלְמִיד חָכָם מִמִּשְׁפַּחַת עַם הָאָרֶץ** - ער קומט פון א פאמיליע פון עמי הארץ. און אזוי, **תִּוָּדֵעַ**, ער מאכט עס באוואוסט." דאס איז עפעס נייע, א חידוש אין זיין משפחה, און אזוי טוט ער פאבליצירן זיין וויסנשאפט.

אצינד, רש"י זאגט א נפלא'דיגע זאך אויף דעם מאמר. רש"י, דארפט איר וויסן, איז דער עמקן, דער טיפער מפרש. פירוש רש"י פאר זיך איז א ספר. ס'איז א שאד אז רש"י ווערט בלויז אריינגעזעצט אין זייט פון דער גמרא, אזוי אז מען טראכט אז ער איז בלויז א מפרש - אה ניין,

רש"י איז א חיבור נורא פאר זיך. דאס איז די פפראבלעם מיט די ענוים וואס מאכן א פירוש. רש"י וואלט געקענט מאכן אמונות ודעות; ער וואלט געקענט זיין פון די גרעסטע ספרים אויב וואלט ער געמאכט א ספר פאר זיך. אבער ער האט עס געמאכט אלס א פירוש און אזוי פארגעסן מענטשן אז רש"י איז געווען זייער א גרויסער מענטש פאר זיך און אז זיינע ערקלערונגען אויף מאמרי חז"ל זענען אלע בריליאנטן.

## פרישטאג מיט'ן רמב"ם

אלזא, מיר וואלטן געטראכט, אויב וואלטן מיר געלערנט די גמרא פאר זיך, אז דער מאמר איז לגנאי, אז ס'טוט דערנידערן דעם נאר. אז א תלמיד חכם וואס קומט פון א משפחה פון עמי הארץ, אז ער וויל זיך באווייזן. אבער רש"י זאגט נישט אזוי. רש"י זאגט "ער מאכט עס באוואוסט" ווייל מתפאר בה - ער באשיינט זיך דערמיט. דער תלמיד חכם וואס קומט פון א פאמיליע פון עמי הארץ איז אזוי פרייליך מיט זיין ניי אנטדעקטע וויסנשאפט, זיינע ניי אנטדעקטע דערגרייכונגען, אז ער קען עס נישט האלטן פאר זיך - **תִּוָּדֵעַ**, ער מאכט עס באוואוסט. נישט ווייל ער וויל זיך באווייזן; נאר ער ברענט מיט התלהבות; ער איז אזוי פרייליך דערמיט!

אבער א תלמיד חכם פון א פאמיליע פון ראשי ישיבה, דאגעגן, ווען ער הערט עפעס, קען זיין אז ער איז נישט אזוי פרייליך. זיין פאמיליע האט געזאגט זאכן א גאנצע צייט. ווען ער איז געווען א קליינער אינגל איז ער געגאנגען צו זיין זיידע. זיין זיידע איז געווען א גדול, און זיין טאטע איז געווען א גדול, און זיינע פעטערס זענען אלע גדולים. ביים פרישטאג מאלצייט האבן זיי גערעדט פון א שווערער רמב"ם. און ווען ער הערט עפעס, איז ער נישט אזוי פרייליך. ער שעצט עס אבער ער איז נישט פרייליך. און אזוי, **בְּלֵב נָבוֹן תָּנוּחַ חָכְמָה**, אין זיין הארץ הייבן אלע גרויסע השגות אן צו רוען... און שלאפן איין!

## די שמחה פון א בעל תשובה

אצינד דארפן מיר נעמען רש"י'ס פשט און עס ניצן אלס א באזיס זיך אליין צו פארשטיין. ווייל לויט דעם איז עס פונקט פארקערט פון וואס מיר האבן געטראכט. ס'איז נישט גענוג צו זיין א חכם; צו הערן זאכן און ווערן באקאנט מיט זיי. צומאל איז דאס אליין דער פראבלעם; דו מיינסט אז דו ווייסט אלעס דערוועגן און אזוי גייט עס שלאפן. די אלע געוואלדיגע השגות און השקפות מיט וואס דו דארפסט לעבן זענען אין א טיפער שלאף; זיי שנארכן אוועק.

אבער ווען א מענטש איז א תלמיד חכם וואס קומט פון א פארקערטע סביבה, פון א פאמיליע וואס האט נישט געלערנט; לאמיר זאגן א בעל תשובה - ווען דער בעל תשובה קומט צו אידישקייט, ער שיינט מיט אידישקייט. ער האט באמת א חיות אין וואס ער לערנט. ער האט א געשמאק, אן אפעטיט, צו די אלע געוואלדיגע השגות וואס שטעלן צוזאם א אידישער מח.

ער שיינט מיט תפילין! הא! תפילין! ער איז אזוי פרייליך אז ער טראגט אויף זיך תפילין! ער איז פול מיט התלהבות דערמיט. דער בעל תשובה, ווען ער טוט אן זיינע תפילין - כאטש פאר די ערשטע יאר צוויי - טוט ער עס אן מיט אן איבערגעגעבנקייט ווייל ער טראכט איבער וואס זיי באדייטן. ס'איז א צייכן פון כבוד! אזוי האט מען אים געלערנט. לאמיר זאגן ער איז געגאנגען ערגעץ וואו בעלי תשובה קומען זיך צוזאם און איינער האט גערעדט צו זיי און זיי געזאגט אז

תפילין איז א פְּאֵר. **וּקְשַׁרְתָּם לְאוֹת** - ס'איז א צייכן אז דו ביסט איינער פון קעניג'ס פאלאץ, בני פלטין.

ווען ער האט אנגעטון די תפילין צום ערשטן מאל, האט ער זיך געפילט אזוי דערהויבן; ער האט געפילט די ווארעמקייט וואס האט אים ארומגענומען און זיין גאנצער כאראקטער האט זיך געטוישט - און פאר א לאנגע צייט פילט ער ווייטער אזוי.

## ערליכקייט פון געוואוינהייט

דער פראבלעם איז, נאך א שטיק צייט, איז ער מער נישט קיין בעל תשובה. ער ווערט אן 'אמת'ער ארטאדאקסישער איד' און ער פאלט אריין אינעם גרוב פון אלע אנדערע ארטאדאקסישע אידן וואס לייגן תפילין אן קיין שום מחשבה בכלל. ער ווערט אן אלט געזעסענער פרומער איד, און ער פארגעסט אז תפילין איז א צייכן, אז עס זאגט אים עפעס, אז עס לערנט אים השגות און השקפות.

די השקפות גייען שלאפן, ווייל נאך אלעם איז ער מער נישט פון א פאמיליע פון עמי הארץ. ער האט זיך אפגעבראכן דערפון; ער האט שוין זיין אייגענע פאמיליע, א גוטע כשר'ע פאמיליע. און ער הייבט אן צו גיין שלאפן. אודאי איז ער נאך אלץ א מדקדק אין די מצוה פון תפילין - קען זיין אז ער איז אצינד אפילו מער מדקדק. אפשר געבט ער אפילו אויס מער געלט אויף מצוות מיט די צייט, אבער די התלהבות איז אפגעשטארבן.

און דאס איז ווי אזוי עס איז מיט אלע תורה השגות און השקפות וואס פארעמען א תורה'דיגער מח - זיי זענען פארשלאפן. מען קען דאס זען יעדן טאג. מען ווערט אזוי איינגעוואוינט, אזוי אויבערפלעכליך און לאנגווייליג דערמיט. צי זענען די געוואלדיגע השקפות אנוועזנד אין דער אידישער היים? צומאל איז עס בלויז פון געוואוינהייט; זיי זעען אויס ערליך, "אם ירצה ה'," "ברוך ה' ברוך ה'," און אזוי ווייטער. אבער אייגנטליך איז דער באשעפער נישט קיין אמת'ער מציאות אין זייערע לעבנס.

## אן אפגעכאפטער דאווענען

אפילו אין שול. מען קען זען אמאל א שול, וואו יעדער דארט איז געווען פרום פאר די לעצטע הונדערט דורות. זייערע באבעס האבן שוין געטראגן בערד און לאנגע פיאות. אלע דורות ארויף! און דו גייסט אריין און דו זעסט נישט קיין שום התלהבות. זיי מאכן באוועגונגען ווי גלייך זיי פארמאגן התלהבות אבער דו קענסט זען אז זייערע הערצער ליגן נישט אינעם דאווענען.

צומאל קומט א בעל תשובה אריין אין שול, ער קען נישט מיטהאלטן מיט די אלט געזעסענע אידן. און ער טראכט אז דאס איז ווייל ער איז נאכנישט ערפארן מיט'ן דאווענען. ער פארשטייט נישט דעם סוד. דער סוד איז, אז זיי היפערן. דאס איז דער סוד. זיי זאגן האלבע ווערטער און פיל מאל זאגן זיי אינגאנצן נישט קיין ווערטער. ס'איז א פאקט. ס'איז א טראגעדיע. דו גייסט אריין אין אזא ארט צו דאווענען; דריי מנינים דאווענען בשעת דו דאווענסט איין מאל.

אזוי שנעל?! איר ווייסט, דאס אליין איז עפעס. אויב ביסטו אין אן איילעניש ארויסצוגיין, איז עס א סימן אז דו האסט נישט הנאה דערפון. אודאי דארף מען מלמד זכות זיין; מענטשן דארפן גיין

צו די ארבעט. אבער לאמיר זאגן אז עס איז נישט קיין ארבעטס טאג; ס'איז שבת, יום טוב. די זעלבע מעשה. לויפן, לויפן. דאס איז א סימן אז דאס הארץ איז מער נישט דערין.

אויב קומסטו נאנט צו זיי, אפילו אויב דו לייגסט צו אן אויער צו זייערע ליפן, וועסטו גארנישט הערן. דו וועסט זיין איבערראשט וויפיל מענטשן דאווענען אויף דעם וועג. זיי דאווענען בלויז אינעווייניג אין זיך. קוים וואס זייערע ליפן רירן זיך. ס'איז א טראגעדיע.

## פארשלאפענע חכמה

און אויב שטעלט איר זיי צום עמוד וועט איר זיין איבערראשט, זיי שחט'ן אפ די גאנצע זאך. איך האב אמאל געהערט ווי א איד ביים עמוד זאגט, **וְכָל עַמְּךָ מְהֵרָה יִכָּרֵתוּ** - און דיין גאנצע פאלק זאל שנעל פארשניטן ווערן. אן אלטער איד וואס האט געדאווענט יעדן טאג פון זיין לעבן, כאטש פופציג יאר, דריי מאל א טאג. **וְשִׁבְחֲךָ מִפִּינוּ יָמוּשׁ לְעוֹלָם וָעֶד** - אונזער לויב צו דיר וועט זיך ענדיגן פון אונזער מויל אויף אייביג. ס'איז מערקווירדיג, די טעותים וואס מ'הערט אין א שול. **וּמִלְּפָנֶיךָ רֵיקָם תְּשִׁיבֵנוּ** - ביטע באשעפער, קער אונז צוריק פון דיר ליידיג. דאס איז חירוף וגידוף. און זיי טוען דאס יעדן טאג. זיי הערן נישט צו צו וואס זיי זאגן.

דאס איז פארוואס מען קען זיי כאפן ביים זאגן די געהויבנסטע ווערטער, ווערטער וואס דארפן אויפצופלאקערן זייערע הערצער, אבער זיי זאגן די ווערטער און בשעת מעשה וואונקען זיי איינער צום צווייטן. זיי זאגן די געהויבענע ווערטער הדר כבוד הודך - די שיינקייט פון דיין פראכטפולער כבוד.

אבער ניין, ער זאגט גארנישט וויכטיג. ער זאגט בלויז ווערטער; און אזוי, אין די זעלבע צייט, וואונקט ער צו זיין שכן. אדער זיין שכן רעדט צו אים. " האסט געזען שמערל, ער איז דא געווען היינט?" פרעגט אים זיין שכן. און ער מורמלט, "מהמהמהנה, הדרכבודהודך, מהמהמהמה." ער ווייזט אן ערגעץ בשעת ער רעדט.

טאטע אין הימל, וואס האט פאסירט צו דעם ערליכן איד?! ער איז נאך אלץ אן איש קדוש אין אלע זיינע מעשים, אבער עס איז אפגעשטארבן אינעווייניג אין אים! **בְּלֵב נָבוֹן תָּנוּחַ חָכְמָה** - די חכמה פון אלע געוואלדיגע השגות זענען נאך דארט אבער **תָּנוּחַ חָכְמָה**, זיי זענען פארשלאפן געווארן. דער בעל השגה איז געווארן פארלאשן.

## אייראפע קילט זיך אפ

אודאי, אויב וועט איר אים שטעלן פאר א נסיון און זאגן, "מענטשן וועלן דיר הרג'ענען אויב וועסטו נישט דינען עבודה זרה," קען זיין, גאנץ ווארשיינליך, אז ער וועט אויפגעבן זיין לעבן. אבער ביז אהין איז ער פארשלאפן. ער געניסט נישט פון זיין אידישקייט. "אה זיכער," וועט ער דיר זאגן, "**עִבְדוּ אֶת ה' בְּשִׂמְחָה**." אבער ער איז נישט בשמחה. איר קענט עס זען אויף זיין פנים. איר קענט עס זען אויף זיין דאווענען.

און איר זאלט וויסן, דאס איז דער ענטפער צו וואס מיר האבן געזען אין אייראפע. אין אייראפע, זיבעציג יאר צוריק, האט כמעט יעדער אלעס געהיטן. אבער די התלהבות האט שוין אנגעהויבן אפצושטארבן. אלזא, דאס מיינט נישט אז עס זענען נישט געווען ערטער וואו עס איז געווען א

געוואלדיגע התלהבות. זיכער זענען געווען. אייראפע איז נאך געווען אייראפע אין פיל ערטער. אבער אין אלגעמיין, האט זיך די התלהבות אפגעקילט, נישטא קיין ספק אין דעם.

איך בין געווען אין אייראפע אין תרצ"ב - דאס איז אכט און פערציג יאר צוריק - און איך האב געזען ווי אזוי עס האט זיך אויסטערליש אפגעקילט; אפילו אין ערטער וואו זיי האבן נאך געהיטן, אבער עס איז געווען אפגעקילט.

אבער נישט נאר אן אפקילונג איז פארגעקומען, אין יענע צייט איז עס צוגעקומען אויך צו אנדערע זאכן. ווייל אפקילונג איז דער אנהייב פון אלעס אנדערש. ווען די יראת שמים, די התלהבות, דער פייער, קילט זיך אפ, איז דאס חס ושלום די הקדמה צו א ראלער קאוסטער וואס פארט בארג אראפ.

## דער שורש פון זינדיגקייט

און דאס איז פארוואס עס זענען געווען אין יענע צייט פיל אפיקורסים. אין די תרבות שולע, אין בודאפעסט, זענען געווען פיל אפיקורסים. עס זענען געווען פיל אסימילאנטן גרופעס. איך רעד נישט פון דייטשלאנד; דארט איז קיין שאלה נישט, אבער איבער גאנץ אייראפע האבן זיך צייטן געביטן.

אין רוסלאנד, פאר די ערשטע וועלט מלחמה, זענען געווען נעסטן וואס האבן געהאדעוועט זינד; אין אדעסא און אנדערע ערטער. למעשה, אמאל איז דאס געווען אומדערהערט צווישן אידן. אבער אצינד זענען געווען גאנצע שטעט וואס זענען געווען באוואוסט מיט זייערע זינד. אסאך כופרים!

אלזא, ווי אזוי האט דאס פאסירט? עס איז נישט געשען מיט איינמאל. עס איז געשען ווייל עס האט זיך אנגעהויבן אפצוקילן. ווייל דאס איז דער פראצעדור. ס'איז נישט אומדערהערט ווען מ'הייבט אן צו טון מצוות אנשים מלומדה. צו טון זאכן בלויז פון געוואוינהייט, אן קיין התלהבות, איז א צייכן אז אינעווייניג האט זיך דער פייער אויסגעלאשן. און ווען דער פייער לעשט זיך אויס מיינט עס אז אלעס גייט אויס.

# חלק ג. צוריק אנצינדן דעם פייער

## ניצן דעם קאפ

אלזא, שטייען מיר קעגן א פראבלעם. ס'איז א גרויסער פראבלעם ווייל מיר קענען נישט זיין קיין נייע בעלי תשובה א גאנץ לעבן. און נאכמער, ווער וויל געבוירן ווערן צו א פאמיליע פון עמי הארץ? ס'איז אונזער שטרעבונג צו זיין תלמידי חכמים. און מיר ווילן אז אונזערע צוקומפטיגע דורות זאלן אלע זיין תלמידי חכמים און לא ימוש מפינו, די תורה זאלן פארבלייבן אין אונזערע מיילער אויף אייביג. ס'איז א גרויסער פראבלעם וואס באריךט אלע פון אונז און מיר גייען זען וואס מיר דארפן טון איבער דעם. ס'איז א פראבלעם וואס פאדערט א לעזונג.

און די לעזונג איז, אז מיר דארפן ניצן אונזערע מחשבות צו אנצינדן צוריק דעם פייער אין אונזער מח.

אלזא, קען זיין איר ווילט הערן עפעס מער אינטערעסאנט אבער דאס איז דער ריינער אמת - טראכטן איז די קוילן וואס האלטן אן דער פייער זאל ברענען. און ווי מער מחשבה דו לייגסט אריין אינעם אויוון דא אויבן, ווי מער דו פיטערסט דעם פייער, אלץ העלישער וועט דער פייער ברענען. אבער דו דארפסט נאכאנאנד צולייגן נייע קוילן; אנדערש הייבט עס אן צו צאנקען און עס גייט שלאפן.

## איידלשטיינער אינעם חומש

וויפיל אלטע תלמידי חכמים נעמען א חומש אין זייערע הענט? אפשר לערנען זיי די פרשה אבער זיי וואלטן זיך נישט געבאדערט מיט לערנען פשוטו של מקרא. אפילו די מפרשים קענען זיי שוין, איז זוכן זיי אצינד פאר סתרי תורה. איר ווייסט, סתרי תורה איז וואונדערבאר; נישט קיין שאלה, ס'איז געוואלדיג. אבער די גרעסטע סתרי תורה זענען אויפ'ן אויבערפלאך. פארגעסט קיינמאל נישט דעם סוד. ס'איז א סוד וואס איך זאג אייך אצינד. די גרעסטע סתרי תורה איז פשוטו של מקרא. און פיל מאל פארזעען מענטשן אט די סתרי תורה - זיי זוכן אנדערע.

דער אמת איז, אז אריינקוקנדיג אין חומש אליין, אן קיין מדרשים, וועט איר ווערן איבערראשט וויפיל ס'איז דא צו רעדן דערפון. איר האט עס קיינמאל נישט דורכגעלערנט ריכטיג אבער אז איר וועט צולייגן קאפ צום חומש וועט איר אנהייבן אנטפלעקן איידלשטיין נאך איידלשטיין, דיאמאנט נאך דיאמאנט.

## אריינטראכטן אין די פסוקים

לאזט מיר אייך דערציילן א קורצע מעשה. איך האב א קליינער חומש. איך האב עס געטראפן אין מזרח פלעטבוש, אין א מיסט קאסטן. עס איז ארויסגעשטעלט געווארן פאר די מיסט זאמלער עס צו נעמען - איך האב עס געזען אויבן פון א הויפן אין א מיסט קאסטן, האב איך עס גענומען.

אינעווייניג שטייט דער נאמען 'פרעד'. און איך טראכט א גאנצע צייט, "פרעד, נעבעכדיגער פרעד, פארוואס האסטו נישט אויסגענוצט דיין חומש? איך האב אזויפיל פארדינסטן פון דיין חומש." עס זענען נישטא קיין מפרשים אין דעם חומש, קיין שום מפרשים בכלל. איך ניץ עס; איך גיי אין גאס מיט דעם חומש און איך טראכט אריין דערין. איך בין זיך מעמק אין די פסוקים. איך ניץ בלויז דעם פירוש פון 'ראש'. דאס, מיין ראש (דער רב האט געוויזן אויף זיין קאפ). ס'איז א גאלדן גרוב פאר מיר, דער חומש! איך האב געשריבן א פירוש אויף בראשית פון דעם חומש. איך שרייב א פירוש אויף שמות פון דעם חומש. און 'פרעד' האט עס אריינגעלייגט אין מיסט קאסטן. נעבעכדיגער פרעד.

למעשה, קיינער דא וואַרפט נישט קיין חומש אין מיסט קאסטן חס ושלום; קיינער פון אייך צדיקים וואלטן אמאל געטראכט פון אזא זאך אבער דאך, מיר ווארפן אוועק געלעגנהייטן, געלעגנהייטן אריינצולייגן דעם חומש אין אונזערע קעפ.

## א נייער וועג אין לערנען

צו לייגן די מעשיות, די השקפות, די השגות פון דעם חומש אין אונזערע קעפ! דאס איז שוין א גענצליך נייער וועג פון לערנען חומש. דאס איז ווי אזוי דער חפץ חיים האט עס געטון. ווייל ער האט געוואוסט אז ווי מער מען לערנט די מכות; ווי מער מען טראכט דערוועגן, אלץ מער צינדט

מען אן דעם פייער אין קאפ, אלץ מער ווייסט מען, פילט מען, אז "עס איז נישטא קיינער אזוי ווי דער באשעפער..."

נישט נאר די מכות - אלעס. עס זענען דא אזויפיל זאכן פון וואס צו טראכטן. לאמיר זאגן, **בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים** - דער ערשטער פאקט אין די תורה. "אין אנהייב האט דער באשעפער אלעס באשאפן." יעדער פון אונז גלייבט אין דעם. מיר רעדן פון מאמינים. אבער צי ווייסט איר ווי ווייט עס איז פון אונז אין ווארהייט? צי ווייסט איר וואס די תוצאות פון אריינטראכטן אין דעם זאץ זענען? דאס מאכט א פאנדומענטאלער חילוק אין אלעס וואס דו זעסט אין די וועלט.

## דו עקזיסטירסט נישט

שטעל זיך פאר, דו טראכסט אריין טיף, אז **בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים** - אין אנהייב האט דער באשעפער באשאפן, דאס מיינט אז אלעס וואס דו זעסט אין די וועלט איז דער רצון פון באשעפער און גארנישט מער. דו זעסט נישט קיין געגנשטאנדן. דו זעסט נישט פלייש. דו זעסט נישט מענטשן. דו זעסט עפעס וואס איז בלויז א פארעם, א פארעם פון די רייד פון באשעפער ווען ער האט געזאגט, **יְהִי** - עס זאל זיין!

אלזא, ס'איז נישטא קיין חומר - אלעס איז גייסט. מר. שאמאולע און מר. שעלבי און דר. ווייס און דו און איך, אלע פון אונז וואס קוקן זיך אן איינער דעם צווייטן, וואס זענען מיר? מיר זענען נישט מענטשן. מיר זענען בלויז דעם דבר ה'.

און אויב מיר זאלן אריינטראכטן אין אלע עניני התורה אויף דעם אופן, וועלן מיר זען וואונדערליכע רעזולטאטן און אונזערע קעפ וועלן ווערן פול מיט מערקווירדיגע געדאנקען. יעדעס מאל וואס מען ליינט די ווערטער, זענען זיי נייע געדאנקען, צולייגנדיג מער שטאפלען פון תורה'דיגע השגות אין מח.

## נייע-אלטע לידער

דאס איז די זייער וויכטיגע נקודה וואס דוד המלך טוט אפט איבער'חזר'ן. און מיר זאגן עס פיל מאל אן אפילו זיך אפצושטעלן צו טראכטן וואס עס מיינט. **שִׁירוּ לוֹ שִׁיר חָדָשׁ** - זינג צום באשעפער א נייער געזאנג (תהלים לג:ג). נייע געזאנגען? נייע השגות? וואס איז שלעכט מיט די אלטע געזאנגען? די אלטע געזאנגען זענען געווען גאנץ גוט - זיי וועלן נישט מאכן קיין בעסערע ווי די אלטע - דוד אליין האט געזונגען פיל אלטע געזאנגען.

אבער מיר זעען אז דוד האט געזאגט, "זינג נייע געזאנגען." וואס איז דאס? דאס מיינט אז די אלטע תורה'דיגע השקפות זענען זייער וויכטיג אבער מיר דארפן אלעמאל איבערפרישן די השקפות מיט נייע געדאנקען; **בְּכָל יוֹם יִהְיוּ בְעֵינֶיךָ כַּחֲדָשִׁים** - זיי דארפן זיין ביי דיר ווי ניי דורך התלהבות'דיגע טראכטן. און אזוי, **שִׁירוּ לוֹ שִׁיר חָדָשׁ** - דו זאלסט אלעמאל איבער'חזר'ן די אלטע געדאנקען און זיי מאכן צוריק ניי. פריש אויף דיין אייגענער התלהבות יעדן טאג.

אודאי, וועסטו קוקן אין די שירי דוד עבדיך און איבער'חזר'ן זיינע אלטע רייד - אבער דו וועסט אריינטראכטן דערין! און אויב מיר גייען נאך אין זיינע פיסטריט, אויב מיר וועלן מאכן גוטע נוצן פון דעם תהלים, וועלן מיר באלעבן טייל פון זיינע געפילן. נישט אלע. דאס, צום באדויערן - קען איך

אייך נישט צוזאגן, אבער איר וועט קונה זיין א קליינער פראצענט פון וואס דוד המלך האט געקענט קונה זיין. פראבירט צו נאכפאלגן אין זיינע פיסטריט און איר וועט ארייננכאפן טייל פון זיינע געפילן.

## באלעבן די געפילן פון דוד המלך

אצינד, איך פארשטיי אז מענטש וואס טוען א ליפן עבודה זענען צופרידן צו ערפילן זייער פליכט און זאגן די ווערטער. אבער דאס איז נישט קיין שיר חדש; ס'איז נאר דורך ארייינטראכטן אין די ווערטער פון דוד, דאס איז ווי אזוי דו קענסט אנהייבן צו באלעבן א קליין ביסל פון די געפילן וואס ער האט געפילט. דאס איז פארוואס פסוקי דזמרה איז אזוי וויכטיג.

די מענטשן וואס ענדיגן אין א גרויס איילעניש, זיי זענען פארנומען בלויז צו פראבירן דורכצומאכן דאס דאווענען, זיי פארפעלן איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען אין לעבן. איך וועל אייך נישט זאגן מיין אייגענע מיינונג; איך וועל אייך בלויז זאגן וואס דער טור זאגט: **טוֹב מְעַט בְּכַוָּנָה מֵהַרְבֵּה שֶׁלֹּא בְּכַוָּנָה** - צו זאגן אביסל און צו טראכטן פון וואס מ'זאגט איז פיל חשוב'ער ווי בלויז דורכצולויפן דאס גאנצע דאווענען.

דער סידור איז א זייער טיפער ספר. עס זענען דא דארט טיפע זאכן און זיי זענען ווערד צו ווערן אדורכגעלערנט. יעדע שורה איז נאך אן איידלשטיין, נאך א וויכטיגער דערהער מיט וואס מיר מוזן לעבן. נעם דיין צייט. דער סידור איז א זאך וואס איז צוגענגליך פאר יעדן איד און ס'איז א טראגעדיע אז לעבנס ווערן פארפאטשקעט. איך האב עס געזאגט פריער, אז עס איז א מחלה איבער וואס מיר טוען היינט מיט אונזער דאווענען. דער אמת איז אז עס איז איינע פון די גרעסטע דורכפעלער אין היינטיגן אידישן לעבן. און דערפאר, צו צוריקשטעלן די תפילה צום פאסיגן ארט, דארף זיין פון אונזערע גרעסטע שטרעבונגען.

## א גאראנטי פאר גרויסקייט

דרך אגב, איך וואלט געוואלט רעדן פונעם סידור אלעמאל אבער איך ווייס אז עס וועט אייך זיין לאנגווייליג. אויף תפילה וואלט איך געוואלט רעדן א גאנצע יאר. א גאנצע יאר בלויז אויף די נושא פון תפילה! מיר קענען נעמען יעדעס ווארט און עס אנאליזירן; מיר קענען עס אדורכלערנען טיף און עס וועט זיין ווערד יעדע מינוט.

איר ווילט האבן א פראגראם פון גרויסקייט פאר זיך? איך קען אייך גאראנטירן; יעדער מענטש וואס הערט אויס, איך קען אייך גאראנטירן גרויסקייט אויב איר וועט אונטערנעמען א פראגראם פון אפגעבן יעדן טאג פינף מינוט צו טראכטן. אויב ווילט איר א דרך צו גרויסקייט, דאס איז עס. פראבירט עס צו לערנען מיט'ן פירוש 'הראש', דאס מיינט ניצן דיין ראש, דיין קאפ. ניץ דיין ראש און טראכט אריין אין סיי וועלכן פסוק אינעם סידור פאר פינף מינוט אין א צי. איך קען אייך געבן א שטר כתוב וחתום; איר זענט גאראנטירט צו אויסשטייגן גרויס.

נאך עטליכע וואכן וואס וועלן פארביי גיין, און איר וועט פארזעצן אין דעם וועג, וועט איר אנטדעקן זאכן; נישט נאר וואס איר האט נישט גע'חלומ'ט אז זיי געפינען זיך אין פסוק, נאר אויך וואס איר האט נישט גע'חלומ'ט אז זיי געפינען זיך אין אייער הארץ. עפעס וועט זיך אנטוויקלען

אין אייער מח; א געגצליך נייער פארשטאנד איבער די נושא וועט אויפבליען. איר וועט זיין איבערראשט איבער די רעזולטאטן וואס איר וועט ארויסגעבן. א התלהבות, א פייער. עס קען טוישן א מענטש'ס כאראקטער.

## דער וועג צו דאווענען

פראבירט עס איין מאל און זעט וואס דאס איז. אודאי איז עס זייער א שווערע עבודה צו טראכטן פינף מינוט א טאג אויף איין פסוק. פראבירט עס - איר וועט אנטדעקן אז עס איז נישט לייכט. מיר האבן אמאל געהאט א גרופע פון יונגעלייט וואס האבן זיך אונטערגענומען דאס צו טון - צו אויסקלייבן סיי וועלכער פסוק אין סידור און צו אפגעבן פינף מינוט צו טראכטן איבער דעם פסוק. אלזא, ווען זיי האבן געהערט דערוועגן דאס ערשטע מאל, האט איינער פון זיי געזאגט, "גוט, איך טראכט יעדן טאג צוויי שעה איבער געוויסע זאכן." האב איך אים געזאגט, "פראביר עס דאך." ער איז צוריקגעקומען דריי וואכן שפעטער - מיר פלעגן זיך צוזאמטרעפן אלס א קבוצה איינמאל יעדע דריי וואכן - און ער האט געזאגט, "ס'איז זייער שווער; ס'איז נישט אזוי לייכט ווי איך האב זיך פארגעשטעלט."

אבער אויב איר טוט עס, און דאן נעמט איר די מחשבות וואס איר האט קונה געווען און איר לייגט עס אריין אינעם דאווענען, האט איר דערגרייכט עפעס באדייטנד. דאס איז ווי אזוי תפילה ווערט אנגערופן: עבודה שבלב, א דינסט פונעם מח. דיין מח דארף ארבעטן שווער בשעת'ן דאווענען.

איר ווייסט, עס זענען געווען מענטשן וואס זענען געקומען באטראכטן הגאון רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל ווי ער דאווענט און זיי זענען געווען שרעקליך אנטוישט. ווייל ער האט זיך נישט געשאקעלט; ער איז געשטאנען גלייך און ער האט זיך נישט גערירט בשעת ער האט גדאווענט. און זיי זענען געווען אזוי שרעקליך אנטוישט. שרעקליך אנטוישט! אבער עס איז געווען איין מענטש וואס איז געשטאנען נעבן אים, באטראכטנדיג אים, און ער האט באטראכט זיין שטערן. און די אדערן אין זיין קאפ זענען געווען געשוואלן, זיי האבן וויברירט. זיין מח האט געארבעט זייער שווער. דאס איז ווי אזוי מ'דארף צו דאווענען, מיט'ן מח.

## א לעבן מיט הצלחה

די גרויסקייט פון א מענטש איז נישט בלויז דאס אז ער שפאנט אויף אן אויסגעטראטענעם וועג - בלויז ווייל ער האט עס געטון נעכטן אדער איינער האט עס געטון דורות צוריק - נאר ער שפאנט אויף דעם אויסגעטראטענעם דרך מיט א נייעם פייער! יעדן טאג זינגט ער א שיר חדש, א נייער געזאנג. און דאס איז ווען אלע תורה'דיגע השגות וועלן טרעפן א מנוחה; זיי וועלן טרעפן אן ארט צו רוען אין דיין הארץ און עס וועט פארבלייבן מיט דיר.

יעדער קען זיין ווי דער חפץ חיים; יעדער קען לערנען דעם חומש ווי ער האט עס געטון אין זיין צימער. דאס איז וואס מיר דארפן טון - אפילו אויף דער עלטער. האלט אין איין איבער'חזר'ן די אלע געוואלדיגע ענינים יעדן טאג אביסל, צו אויפפרישן אין דיין קאפ דעם געוואלדיגן איינדרוק וואס דו האסט אמאל געהאט. גיי עס איבער נאכאמאל. חזר איבער דעם באדייט. טראכט פון יציאת מצרים אזוי ווי דער חפץ חיים האט געטראכט דערוועגן. יעדע מכה, טראכט איבער דעם. טראכט.

ווען? ווארט נישט אויף פסח ביינאכט ביים סדר. א גאנץ יאר זאלסטו טראכטן פון וואס עס שטייט אין חומש.

טראכט איבער וואס עס שטייט ביים דאווענען! נעם די צייט צו טראכטן איבער די פסוקים וואס דו זאגסט יעדן טאג און צוביסלעך וועט דער פייער פון התלהבות וואקסן לעכטיגער און לעכטיגער. און ווי מער דו וועסט טראכטן, אלץ ווירקליכער ווערט עס ביי דיר - און אלץ מער וועסטו אנגעצונדן ווערן מיט התלהבות.

גדולה דעה! ווי גרויס איז אמת'ע וויסנשאפט. ווען א מענטש ווערט קלאר אין די אלע זאכן ווייל ער טראכט נאכאנאנד אריין אין זיי, דאס איז דער מענטש וואס האט געלעבט מיט הצלחה.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

### שאלה:

**שבת מברכים בעטן מיר ביים באשעפער פאר א חיים של עושר וכבוד, א לעבן פון רייכטום און עהרע. אבער צי האבן מיר נישט געלערנט אז כבוד איז עפעס וואס איז נישט פאסיג נאכצולויפן אויף דער וועלט?**

### תשובה:

א גוטע שאלה. פארוואס בעטן מיר פאר א לעבן פון עושר וכבוד, א לעבן פון רייכטום און כבוד? דער ענטפער איז אזוי: מיר זוכן נישט קיין כבוד — אבער מיר האפן אז דער באשעפער זאל אונז העלפן זיך פירן אין אזא וועג אז מיר זאלן זיין ווערד פאר כבוד. אויב מענטשן וועלן אונז שעצן צוליב אונזערע גוטע מידות, שטערט עס אונז נישט. מיר ווילן מצליח זיין אין זיך פירן אין אזא וועג וואס מיר זענען ווערד כבוד, יא. איך וואלט געוואלט מענטשן זאלן זאגן, "מיללער — ער איז א פיינער מענטש!" איך וואלט עס ליב געהאט, יא. ווייל דאס מיינט אז גאנץ ווארשיינליך האב איך געטון עפעס וואס טוט צופרידן שטעלן מענטשן.

אלזא, זאלט איר טון זאכן אין אזא וועג אז מענטשן זאלן זיין צופרידן פון אייך — אבער איר לעבט נישט פאר כבוד. און אזוי, אין דעם תפילה בעטן מיר ביים באשעפער, "ביטע, געב אונז א לעבן פון כבוד; ביטע העלף אונז אין דעם חודש אז מיר זאלן זיך אויפפירן אין א געשעצטן וועג; אנשטענדיג און תורה'דיג," וואס דאן זענען מיר ווערד צו באקומען כבוד פון מענטשן. אה, אויב מיר זענען מצליח זיך אזוי צו פירן אין דעם קומענדיגן חודש, דאן וועלן מיר זיין זייער פריילך ווייל דאס מיינט אז מיר האבן געהאט אן ערפאלגרייכער חודש.